**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/20/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול גיבט ארויס נייע עקזעקיוטיוו ארדער דורכאויס קלימאט וואך אנאנסירנדיג לאנד'ס-פירנדע ענווייראמענט-פריינטליכע אפעראציעס**

***ענווייראמענט-פריינטליכע ציהלן וועלן באקעמפן קלימאט טויש, פארשנעלערן ניו יארק'ס אריבערגאנג צו א גרינע עקאנאמיע און לייגט שוואכערע קאמיוניטיס אלץ פריאריטעט***

***פארפליכטעט ניו יארק סטעיט צו 100 פראצענט ריינע ענערגיע אין סטעיט אפעראציעס ביז 2030***

***סטעיט אגענטורן, האבנדיג א געשאצטע 50 ביליאן דאלאר אין אינוועסטירונגען, האבן זיך פארפליכטעט צו ערנייכן אינוועסטירונג פארטפאוליאוס אין פירמעס וואס גלייכן אויס עמיסיעס ביז 2040***

***שטיצט ניו יארק'ס אמביציעזע קלימאט ציהלן צו ערנייכן 40 פראצענטיגע רעדוקציע אין שעדליכע גאז עמיסיעס ביז 2030, און 85 פראצענטיגע רעדוקציע ביז 2050***

***לייענט דעם עקזעקיוטיוו ארדער [דא](#)***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אונטערגעשריבן א לאנד'ס-פירנדע [עקזעקיוטיוו ארדער](#) צו פארשנעלערן שריט צו מאכן סטעיט אפעראציעס מער פריינטליך צו די ענווייראמענט. אזוי ווי ניו יארק האלט אפ קלימאט וואך, בויט עקזעקיוטיוו ארדער 22 אויף די פארשריט וואס איז געמאכט געווארן דורך די [GreenNY קאונסיל](#) צו פארזעצן צו גרינגער מאכן צו אויספירן די סטעיט'ס אנווייזונגען צו שטעלן א ביישפיל מיט ענווייראמענט-פריינטליכקייט, און עס שטעלט אוועק נייע ציהלן פאר די ענווייראמענטאלע ווירקונגען פון סטעיט אגענטורן. גאווערנער האקול האט אויך אנאנסירט אז סטעיט אגענטורן און אויטאריטעטן, האבנדיג א געשאצטע 50 ביליאן דאלאר אין אינוועסטירונגען, האבן זיך פארפליכטעט צו אנקומען צו אן אינוועסטירונג פארטפאוליאו וואס באלאנסירט עמיסיעס ביז 2040. די אמביציעזע שריט פארזיכערן אז ניו יארק סטעיט'ס פינאנציעלע אוצרות ליגן אין פלעצער וואס זענען נישט סותר אירע פארפליכטונגען צו ריינע ענערגיע און צו רעדוצירן קארבאן באנוץ וועלכע זענען אויסגערעכנט אין די 2019 קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ ( Climate Leadership and Community Protection Act).

"ניו יארק איז שוין יעצט א פירער אינעם לאנד ווען עס קומט צו שריט פאר קלימאט, און מיט דעם ארדער שטעלן מיר אויס א מאפע צו העלפן אנדערע סטעיטס נאכפאלגן אין אונזערע פיסטריט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיט די נייע פארפליכטונגען פארשטערקערן מיר אונזער צוגאנג צו ענווייראמענטאלע פאראנטווארטליכקייט מיט נייע און אמביציעזע ציהלן זיך צו אריבעררוקן צו ריינע ענערגיע, אינוועסטירן אין עלעקטראנישע קארן און צו דראסטיש רעדוצירן אפפאל און באנוץ מיט שעדליכע מאטעריאלן — דאס אלעס בשעת'ן באשיצן אונזער סטעיט'ס שוואכסטע קאמיוניטיס. אלץ א

גלאבאלע פינאנציעלע הויפטשטאט, איז ניו יארק אין אן אייגנארטיגע פאזיציע צו באקעמפן קלימאט טויש, און מיין אדמיניסטראציע בלייבט פארפליכטעט צו פירן די קאמף דורכן מאכן אונזערע אינוועסטירונגען און אפעראציעס אויף א וועג וואס שטימט מיט ניו יארק סטעיט'ס ווירדן."

דורך דעם עקזעקיוטיוו ארדער וועט די GreenNY קאונסיל זיכער מאכן אז סטעיט אגענטורן פאלגן נאך די בעסטע סטאנדארטן צו איינקויפן און אפערירן אויף א 'גרינע' וועג דורכן ארויסגעבן נייע אנווייזונגען צו קויפן און אפערירן 'גרין'. דער ארדער וועט אויסגעפירט ווערן דורך די GreenNY קאונסיל, אן ארבעטס גרופע צוזאמגעשטעלט פון מערערע אגענטורן, אנגעפירט צוזאמען דורך די דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג (Department of Environmental Conservation), די דיוויזיע פון די בודזשעט, די אפיס פון אלגעמיינע סערוויסעס (Office of General Services, OGS), די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט ( New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA) און די ניו יארק פּאווער אויטאריטעט ( New York Power Authority). פארלאנגטע יערליכע באריכטן פון אגענטורן און אויטאריטעטן וועלן העלפן פארזיכערן אז די ציהלן פון דעם ארדער ווערן נאכגעקומען.

דער ארדער דעקט די פאלגנדע ציהלן:

- 100 פראצענט פון די עלעקטריציטעט גענוצט אין סטעיט אפעראציעס וועלן קומען פון ריינע-ענערגיע מקורות (ווי אוועקגעשטעלט אין די ריינע ענערגיע סטאנדארט [ Clean Energy Standard]) ביז 2030.
- 100 פראצענט פון לייכטע נישט-עמערדזשענסי קאר פלאטעס וועלן זיין עמיסיע-פרייע קארן (Zero Emission Vehicles, ZEV) ביז 2035 און 100 פראצענט פון מיטלמעסיגע און שווערע טראקס וועלן זיין ZEV'ס ביז 2040.
- 11 טריליאן BTU אין איינגעשפארטע ענערגיע וועט עררייכט ווערן אין 2025 דורך דעם BuildSmart (בוי קלוג) 2025 פראגראם.
- פארבאטן נייע סטעיט איינריכטונגען וועלכע גייען אריין אין דעזיין און פערמיט שטאפלען אנגעהויבן פון 2024 פון נוצן אינפראסטראקטור וואס קען גענוצט ווערן צו פארברענען פאָסיל ברענשטאף.
- אפפאל וועט רעדוצירט ווערן מיט 10 פראצענט יעדע פינף יאר ביז עס וועט אנקומען צו א ציהל פון 75 פראצענט נידעריגער פון וויפיל עס איז געווען אין 2018-19 פיסקאלע יאר, אריינרעכענענדיג עטליכע סטראטעגיעס צוזאמען צו שיקן מאטעריאלן צו אנדערע באנוצן אנשטאט צו באגראבן ווערן, פארמערן ריסייקלינג און נוצן מיסט פאר קאמפּאוסט און אנדערע באנוצן פון ארגאנישע מאטעריאלן.
- דאס באנוץ מיט דיספּאָוזעבעל פלאסטיק וועט אינגאנצן עלימינירט ווערן פון סטעיט אפעראציעס.
- דאס באנוץ מיט שעדליכע מאטעריאלן וועט רעדוצירט ווערן פון סטעיט אפעראציעס.
- שטחים מיט נאטור וועלכע ווערן אויפגעהאלטן דורך סטעיט אגענטורן און אויטאריטעטן וועלן פארבעסערט ווערן, אריינרעכענענדיג שטיצע פאר ארטיגע אינזעקטן וואס באפרוכטן די פלאנצונגען.
- קלימאט פריינטליכקייט וועט פארמערט ווערן ביי סטעיט איינריכטונגען.

דער עקזעקיוטיוו ארדער נעמט שריט צו פארזיכערן אז סטעיט אפעראציעס לייגן נישט ארויף אן אומגלייכע לאסט אויף שוואכערע קאמיוניטיס דורכן אנווייזן די GreenNY קאונסיל צו באשטימען וועלכע סטעיט איינריכטונגען געפונען זיך צווישן שוואכערע קאמיוניטיס און אנווייזן אגענטורן און אויטאריטעטן צו דאן געבן דין קדימה פאר איינריכטונגען וועלכע געפונען זיך אין אזעלכע קאמיוניטיס צו ווערן די ערשטע קלימאט-פריינטליך כדי צו רעדוצירן מעגליכע ווירקונגען אויף די קאמיוניטיס וואו זיי געפונען זיך.

דער עקזעקיוטיוו ארדער וועט אויך פארזיכערן אז סטעיט אפעראציעס לייגן נישט ארויס אן אומגלייכע לאסט אויף שוואכערע קאמיוניטיס דורכן גיבן דין קדימה פאר סטעיט איינריכטונגען אין די קאמיוניטיס צו די ערשטע אריבערגיין ענווייראמענט-פריינטליכקייט פארבעסערונגען.

אין צוגאב צו דעם עקזעקיוטיוו ארדער, האבן אגענטורן און אויטאריטעטן אריינגעגעבן שריט פלענער דעם חודש, אויסלייגנדיג זייערע פלענער וויאזוי צו אנקומען צו אן אינוועסטירונג פארטפאליאו וואס באלאנסירט אלע עמיסיעס. די שריט פלענער רעכענען אריין פרעימווארקס און סטראטעגיעס צו אנטוויקלען די געבוי פון פארטפאליאוס, אריינרעכענענדיג פלענער צו פארמערן אינוועסטירונגען אין ענווייראמענט-פריינטליכע לייזונגען. דאס ערפילט די גאווערנער'ס אנווייזונג וואס זי האט געגעבן אין איר 2022 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע. ווייטערדיגע איינצלהייטן איבער אגענטור און אויטאריטעט באלאנסירטע אינוועסטירונג פארטפאליאו שריט פלענער קענען געפונען ווערן אויף זייערע וועבזייטלעך.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג קאמישאנער און קלימאט שריט קאונסיל קאָו-טשערמאן, בעזיל סעגאָוס, האט געזאגט,** "דער עקזעקיוטיוו ארדער שטרייכט אונטער אז אונטער גאווערנער האקול, איז ניו יארק סטעיט אינגאנצן איבערגעגעבן צו די קאמף קעגן קלימאט טויש און צו פארבעסערן אונזער ענווייראמענט. מיר האבן פילע פון די שטערקסטע ענווייראמענטאלע באשיצונגען אינעם לאנד, און אונזערע אגענטור און אויטאריטעט אפעראציעס דארפן געהאלטן ווערן צו ענליכע הויכע סטאנדארטן."

**ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט פרעזידענט און CEO און קלימאט שריט קאונסיל קאָו-טשעירפרוי, דאָרין מ. העריס, האט געזאגט,** "שריט צו פארזיכערן א גרינע צוקונפט מוזן אונטערגענומען ווערן אויף יעדע רעגירונג שטאפל, און גאווערנער האקול'ס עקזעקיוטיוו ארדער גיבט די אנווייזונג וואס איז נויטיג צו ווייטער פאראויס רוקן די סטעיט'ס ענווייראמענט פריינטליכקייט באמיאונגען, בשעת'ן אויך אונטערשטרייכן די אדמיניסטראציע'ס אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו איינוואוינער אין היסטאריש-שוואכערע קאמיוניטיס. אלץ א GreenNY קאונסיל מיטגלידערין, באגריסט NYSERDA די צוזאמענארבעט צווישן סטעיט אגענטור קאלעגן צו פאראויס רוקן סטראטעגיעס און די בעסטע סטאנדארטן צו עררייכן ניו יארק סטעיט'ס געמיינזאמע ריינע-ענערגיע ציהלן."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון אלגעמיינע סערוויסעס קאמישאנער, דזשיינעט מוי, האט געזאגט,** "גאווערנער האקול'ס נייער עקזעקיוטיוו ארדער איז א וויכטיגע טריט אויף פאראויס אין די אנגייענדע באמיאונג צו פארמערן ענווייראמענט-פריינטליכקייט אין סטעיט רעגירונג אפעראציעס. די OGS מאנשאפטן וועלן ווייטער ארבעטן מיט אונזערע אגענטור און אויטאריטעט שותפים צו נאכקומען די וויכטיגע ענווייראמענטאלע ציהלן פאר די טובה פון אלע ניו יארקער."

**ניו יארק פאווער אויטאריטעט צייטווייליגער פרעזידענט און CEO, דזשאָסטין ע. דריסקאל, האט געזאגט,** "ניו יארק סטעיט דארף אוועקשטעלן א ביישפיל אין יעדע געביט פון אירע אפעראציעס און איינהאנדלונגען דורכן זיך אויפפירן פאראנטווארטליך צו די ענווייראמענט און באשיצן אונזערע נאטורליכע רעסאָרסן. דורכן שטופן פאר א רייע פון העכערע סטאנדארטן און זיי מאכן פובליק, קענען סטעיט אגענטורן און אויטאריטעטן האבן א באדייטנדע איינפלוס אויף וויאזוי ביזנעס ווערט דורכגעפירט איבער גאנץ ניו יארק. א לאנג-טערמיניגע ענווייראמענט-פריינטליכע סטראטעגיע איז די בעסטע וועג צו ארויסווייזן אונזער פאראייניגטע איבערגעגעבנקייט צו באקעמפן קלימאט טויש און דינען אונזערע פארמישטע פארטייען און די סטעיט."

**ניו יארק סטעיט פובליק סערוויס פארזיצער, ראָרי מ. קריסטשיען, האט געזאגט,** "גאווערנער האקול זעצט פאר צו רוקן ניו יארק סטעיט פאראויס מיטן אנטוויקלען און אוועקשטעלן ענווייראמענט-פריינטליכקייט און קלימאט ציהלן און אנווייזונגען. די וועג וואס גאווערנער האקול פלאסטערט אויס וועט העלפן ניו יארק אין איר קאמף קעגן קלימאט טויש."

**מעטראפאליטען טראנזיט אויטאריטעט (Metropolitan Transit Authority, MTA) פארזיצער און CEO, דזשענאָו ליעבער, האט געזאגט,** "ניו יארקער האבן די נידעריגסטע קארבאן באנוץ פער מענטש פון אלע 50 סטעיטס, ווייל יעדן טאג פארן מיליאנען מענטשן דא מיט פובליק טראנספארטאציע און ווייל אזוי פיל ניו יארקער וואוינען אין מער געדעכטע געגנטער וועלכע זענען פריינטליך צו פיסגייער און מינימיזירן דאס פארן מיט קארן. די MTA איז די היילונג פאר קלימאט טויש און עס מאכט די סיסטעם נאך מער ענווייראמענט-פריינטליך."

**ניו יארק סטעיט אינשורענס קאסע (New York State Insurance Fund, NYSIF) עקזעקיוטיוו דירעקטאר און CEO, גוראַוו וואסישט, האט געזאגט,** "אונטער גאווערנער האקול'ס ווייט-זעהענדע פירערשאפט, איז ניו יארק איבערגעגעבן צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס מיט 85 פראצענט ביז 2050. אלץ אן אינשורער און פארמעגן אייגנטומער, קוקט די NYSIF ארויס צו טוהן איר חלק צו ארויסנעמען אירע אינוועסטירונגען פון קארבאן, פינאנצירן גרינע לייזונגען און ארבעטן מיט אנדערע צו טרייבן פאראויס פאזיטיווע טויש און בויען א מער יושר'דיגע און בליהענדע צוקונפט."

ניו יארקער קענען לייענען דעם עקזעקיוטיוו ארדער [דא](#) און אנדערע וועגן וויאזוי די סטעיט רעגירונג פירט דורכן שטעלן א ביישפיל פאר אנדערע אויף די [GreenNY](#) וועבזייטל.

**ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-בעסטע קלימאט פלאן**

ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-בעסטע קלימאט אגענדע איז די מערסטע אגרעסיווער קלימאט און ריינע ענערגיע אונטערנעמונג אינעם לאנד, רופנדיג פאר א מסודר'דיגע און יושר'דיגע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע אויף א וועג וואס שאפט נייע דזשאבס און טוט ווייטער שטופן פאר א גרינע עקאנאמיע אין די צייט וואס ניו יארק סטעיט ערהוילט זיך פון די קאוויד-19 פאנדעמיע. דורך דאס אריינגעשטעלן אין געזעץ דורך דער ׳קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג אקט׳ האט זיך ניו יארק געשטעלט אויף א וועג צו גרייכן איר פארלאנגטע ציל פאר א זערא-עמיסיע עלעקטריק סעקטאר ביים יאר 2040, אריינגערעכנט דאס שאפן פון 70 פראצענט איבערניציגע ענערגיע ביים יאר 2030, און צו דערגרייכן קארבאן נייטראליטעט לענגאויס דער עקאנאמיע. עס בויט אויף ניו יארק'ס פרעצענדענטלאזע אינוועסטירונגען צו שנעלערהייט פארגרעסערן ריינע ענערגיע, אריינרעכענענדיג איבער 35 ביליאן דאלאר אין 120 גרויסארטיגע ריינע ענערגיע אויפטרייבונג און אריבערגאנג פראיעקטן איבערן סטעיט, 6.8 ביליאן דאלאר צו רעדוצירן עמיסיעס פון געביידעס, 1.8 ביליאן דאלאר צו פארגרעסערן די מאס פון סאולער ענערגיע, מער פון 1 ביליאן דאלאר פאר ריינע טראנספארטאציע איניציאטיוון און איבער 1.6 ביליאן דאלאר אין NY Green Bank (גרינע באנק) פארפליכטונגען. אלעס צוזאמען שטיצן די אינוועסטירונגען באלד 158,000 דזשאבס אין ניו יארק׳ס זויבערע ענערגיע סעקטאר אין 2020, א 2,100 פראצענטיגער העכערונג אין דער אויסגעשפרייטער סאלאר-ענערגיע סעקטאר זייט 2011 און א פארפליכטונג צו אנטוויקלען 9,000 מעגאוואטס פון ים-ווינט ענערגיע ביז'ן יאר 2035. אונטער דעם קלימאט געזעץ וועט ניו יארק בויען אויף די פארשריט און רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס מיט 85 פראצענט פון די שטאפלען וואו עס האט געהאלטן אין 1990 ביז 2050, און אין די זעלבע צייט פארזיכערן אז צום ווייניגסטנס 35 פראצענט — שטרעבנדיג צו 40 פראצענט — פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען זאלן אנקומען צו קאמיוניטיס וועלכע זענען אין נויט, און צו מאכן פארשריט אין די ריכטונג פון די סטעיט'ס 2025 ענערגיע שפארזאמקייט ציהל צו רעדוצירן די ענערגיע וואס ווערט אויפגענוצט אויפן ארט שפארנדיג 185 טריליאן BTU'ס פון ענערגיע וואס ווערט למעשה גענוצט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418